LIT 5109

# די טויטע שטאט

א רומפארנדיק אויף דער פראווינץ וועגן דער יידישער סטאטיס־
טיק, האב איך אונטערוועגנס געטראפן אמאל א ייד וואס
האט זיך געשלעפט טריט ביי טריט אין שווערן זאמד. דער
ייד־זעט אויס קראנק, קוים וואס ער גייט. קוים וואס ער שלעפט די פיס. איך
קריג אויפ'ן רחמנות און נעם אים אויף, אויף דער פור. ער זיצט אויף,
שטעקט מיר אפ „שלום־עליכם"! פרעגט מיך אוים וועגן אלערליי נייעס.
איך ענטפער און פרעג צום סוף:

— און איר פון וואנען זייט, ר' קרוב?

— פון דער טויטער שטאט! — ענטפערט ער געלאסן.

איך מיין ער שפאסט.

— ווו איז עס, פרעג איך — הינטער די הרי חשך?

— אי! — שמייכלט ער, — דווקא אין פוילן...

—אין אונדזער מדינה, אזא שטאט?

— פאראן! — זאגט ער — פאראן! הגם די אומות העולם, ווייסן
נישט פון איר, און האבן איר קיין גוישן נאמען ביז היינט נישט געגעבן...
עס איז א יידישע, אן עכט יידישע שטאט!

— וואס רעדט איר?

— וואס איר הערט! איר קענט אוודאי געאגראפיע און מיינט, אז
אלץ איז דארט פארשריבן; אז אסור! מיר יידן לעבן אן געאגראפיע!...
נישט פארשריבן און פון נאענט און ווייט קומט מען צו אונדז און מען
פארט פון אונדז. נאכוואס געאגראפיע?... יעדער בעל־עגלה ווייסט דעם
וועג...

— איר גלויבט נישט? פרעגט ער ווייטער.

איך שווייג.

— און דאך איז אזוי! אונדזער מרא דאתרא שרייבט זיך דורך מיט
אלע גאונים פון דער וועלט! עס גייען שאלות ותשובות וועגן אלע די וויכ־
טיקסטע זאכן... און אלץ ווערט פארזארגט... איז נאך דער צייט! נישט
לאנג, למשל: האט מען מתיר געמאכט אן עגונה, וואס האט שוין לאנג
אויסגעלעבט אירע יארן; נו, וואס איז? דער עיקר איז דער שכר פון פלפול,
reward
נישט די עגונה!

ער מאכט ווייטער:

— אלע „איינקלעך" ווייסן שוין לאנג פון אונדזער שטעטל... קו־
מען, ברוך השם, גאנץ אפט... פארן, ברוך השם, נישט ליידיק ארוים.

— דאס ערשטע מאל הער איך פון א טויטער שטאט!

— איז ווירקלעך א וואונדער! מוזט איר זיך אביסל האלטן פון
וויטנס... עס איז דאך אן עכט יידישע שטאט, אן אמתע עיר ואם בישראל;
זי האט אלץ וואס א שטאט ברויכט; משוגעים אפילו, צוויי, אדער דריי! אין
מסחר האט זי אויך א שם!

— פירט עפעס ארוים צי אריין?

— וואס? וואס זאגט איר? פרעגט דער ייד, נישט רעכט פארשטיי־
ענדיק. — סחורה, מיינט איר, ארוים און אריינפירן?

איך שאקל מיטן קאפ אויף יא.

— געוויס! — ענטפערט ער — מען פירט ארוים תפילין און רצועות,
מען ברענגט אריין אתרוגים פון קורפו און ערד פון ארץ ישראל! אבער
נישט דאס איז דער עיקר: דער עיקר איז דער האנדל אויפן ארט, אין
שטאט גופא, שענקען, אורחים־שטיבלעך, אלטווארג... כנהוג בישראל, ווי
דער שטייגער איז...

— אן ארעמע שטאט?

THE DEAD TOWN

-1-

Once, while traveling through the provinces in connection with a Jewish census, I came across a Jew trudging along a sandy road. He was dragging one foot after another as though each step were his last, and I felt so sorry for him that I offered him a ride. At once, sitting himself down beside me with a "How do you do?" he began to inquire about the latest news from civilization.

"Where are you from, my friend?" I asked him.

"From a dead town," he replied.

I assumed he was joking.

"Exactly where is this town?" I asked. "In never-never land?"

He smiled. "As a matter of fact, it's here in Poland."

"You mean there's such a place in this country?"

"There certainly is. It's just that the Poles don't know about it and haven't given it a name. It's a hundred percent Jewish."

"You don't say!"

"But I do! I suppose you've studied geography and think it's all-inclusive. Well, you're wrong. There are Jews who don't live in geography at all. You won't find the place I'm speaking of listed anywhere, but people come to it from all over and travel from it all over too. Why bother with geography when any coachman can take you there? . . . You think I'm making it up? Ask me anything you want to know about it."

I remained silent.

"It's an honest-to-goodness place. Our rabbi corresponds with the greatest talmudic scholars in the world. He doesn't make a major decision without consulting them. It's never too late with him. Not long ago, for example, he declared an abandoned woman eligible for remarriage even though she was no longer alive. Well, why not? The point wasn't the woman, it was the reasoning behind it."

After a pause he continued:

"Every child knows about our town. We have lots of visitors. No one comes away disappointed."

"And here I've never even heard of such a place!"

"Amazing, isn't it? I suppose you're not from these parts. But it's a real Jewish town, and a good-sized one at that. It has everything a town should have, even a couple of certified madmen. And it's a place for doing business, believe me!"

"You mean stuff comes and goes?"

"What's that?" he asked uncertainly. "Oh, you mean merchandise!"

I nodded.

"Of course. We export tfiln and import earth from the Holy Land. But all that's just on the side; the main thing is what goes on locally. We have taverns, inns, an old-clothes trade—it's your typical Jewish economy."

"I suppose you have poverty too, then."

— וואָס הייסט רייך און וואָס הייסט אָרעם? ס'איז דאָ פּרנסה! נאָר אָרעמע לייט, גייען ארום אין די הייזער, אין דער היים אָדער אין סביבות... דאָס מערסט — אויפן אָרט! ווער עס שטעקט אויס א האנט, דעם גיט מען. אנדערע זוכן זיך לייכטע מלאכות, א שטייגער: א מעקלעריי, זוכן אין די גאסן און געפינען א כשרע מציאה... דער רבונו של עולם פארלאָזט נישט!... יתומים עסן טעג ביי באלעבאטים און לערנען אין תלמוד תורה; פון יתומות ווערן דינסט־מיידלעך, קעכן, פאָרן אָפּ און זענען זיך אויך מפרנס... אלמנות, גרושות און עגונות (אין די לעצטע צייט איז פאראן א סך עגונות) זיצן פארשלאָפן איבער פייער־טעפּ! און פארויכט, חלומט זיי, אז עס וואקסן שוין גרייטע זעמל אויף די ביימער... אנדערע ג א נ ץ בכבוד!

— פון וואָס?

— פון וואָס? ווי דער סדר עולם איז! אן אָרעמאן האָט בטחון, א סוחר שלינגט לופט, און דעם ערד־ארבעטער, דעם קרבן מיין איך, דעם פעלט אוודאי נישט...

---

צי מאכט ער חוזק, דאָס אויסגעדארטע יידל, דער גל־עצמות, מיטן מאָדנע פייערל, וואָס בליצט אים אין די טיף איינגעפאלענע אויגן? אויפן שארף־ביינער פנים, וואָס איז ארומגעצויגן ווי מיט א געל שטיק פארמעט, באווייזט זיך דאָך קיין מינדסטן שמייכל... נאָר דאָס קול זיינס... עפּעס קלינגט עס מאָדנע!

— וואָס איז עס פאָרט — פרעג איך — פאר א מין שטאָט?

— וואָס הייסט? א שטאָט ווי אלע שטעט! פאראן א שיל; אויף די ווענט, דערציילט מען, איז געווען אמאָל אויסגעמאָלט אלערליי חיות, בהמות און עופות, פון פרק שירה ארויס... אויפן בעליק ווייטער — אלער־ליי קלעזמער, פון דוד המלך, עליו השלום... איך האָב עס שוין נישט גע־זען, נאָר אלטע יידן זאָגן!

— און היינט?

— היינט? שטויב און שפּינגעוועבס... נאָר א הילצערנע קייט, פון איין שטיק אויסגעשניצט, הענגט נאָך אראָפּ פון בעליק, פאלט זיך אזוי בנעימות אראָפּ, אין א זייט פון ארון קודש, רעכט פון פרוכת, וואָס איז ווייטער א מתנה פון פרומע נשים... ווער עס האָט געמאכט די קייט, געדענקט מען נישט, נאָר א מייסטער איז עס געווען! אזא קייט!

— אין שיל — דערציילט ווייטער דער ייד — דאוונען, ווי דער שטייגער איז, סאמע פּראָסטאקעס — בעלי־מלאכות; אויסגענומען שניי־דער, וואָס האָבן א באזונדערן מנין, און קצבים מיט בעלי־עגלות, וואָס האָבן זיך הייאָר געדונגען א באזונדער שטיבל צו דאווענען... די שיל קען קוים עברי! ש יי נ ע באלעבאטים, בני תורה דאווענען אין בית־המדרש, א גרויס בית־המדרש... א סך ספרים! חסידים ווידער דאווענען אין שטיבלעך!

— און מחלוקת פאראן?

— כל זמן מען לעבט! אויפן קברות פאר דאָס, איז שלום... איין בית־עלמין פאר אלע... דאָס מרחץ מיט דער מקווה זענען אויך בשותפות פאר אלע...

— וואָס נאָך פארמאָגט איר?

— וואָס דארף מען נאָך? געווען הכנסת אורחים, אונטערגעגאנ־גען... אורחים קענען שלאָפן אין בית המדרש... ליידיק ביינאכט... א הקדש האָבן מיר!

— א שפּיטאָל, מיינט איר?

— נישט קיין שפּיטאָל, נאָר א הקדש, צוויי שטיבער, פריער איז עס געווען דעם בעדערס דירה, דערנאָך האָט מען געמאכט, דער בערער זאָל יוצא זיין מיט איין שטוב און די צווייטע זאָל זיין א הקדש... בסך הכל ליגן דאָרט, דאכט זיך, דריי קראנקע ווייבער, איינע, נעבעך, אן אלטע, אָפּגענומענע פיס, און ליגט איבעראנאנד; א צווייטע — הענט און פיס אָפּגענומען, און נאָך א משוגענע עגונה, דריי ווינקלען פארנעמען די בעטן, אין פערטן שטייען קוימען־אויוון! אינמיטן האָב'מיר נאָך א טויטן־שטיבל, טאָמער טרעפט זיך!

— איר לאכט פון מיר, ר' סרוב, — פאל איך אים אין די רייד — עס איז דאָך ציאכנאָווקע! ציאכנאָווקע מיט איר מסחר, צדקות און מעשים טובים! פארוואָס זאָגט איר: די טויטע שטאָט?

— ווייל איך מיין טאקע די טויטע שטאָט! איך רעד פון א שטאָט, וואָס באלד אין דער התחלה, ווען זי האָט זיך געבויט, איז זי געהאנגען אויף א האָר, און היינט, אז די האָר האָט זיך איבערגעריסן, הענגט זי אין דער לופט. אויף גאָרנישט האלט זי זיך. און ווייל זי האלט זיך אויף גאָרנישט און שוועבט ארום אין לופט, איז זי געוואָרן א טויטע שטאָט... ווילט איר, וועל איך אייך דערציילן, פארוואָס און ווי אזוי.

— אדרבא... זייער אינטערעסאנט.

---

"What's poor and what's rich, I ask you? We get by. Whoever's hard pressed can always count on some help from town or nearby. Usually, it's from someone in town. Stick out your hand and it won't stay empty for long. And there are all kinds of odd jobs around too. If you don't mind working on commission, you can pick them up right in the street. God sees to it that no one's left out in the cold. Every orphan is assigned a house to eat in and has his studies paid for; if it's a girl, she can always find work as a cook or a housemaid, or, in the worst case, try her luck out of town. Widows, divorcées, abandoned women (there seem to be a lot of those lately!)—they may dream of a world where fresh rolls grow on trees, but they do it while snoozing in a kitchen full of steaming pots. We all live quite respectably, I assure you!"

"But from what?"

"From what? From the same things everyone else does! Our poor folk live on hope, our merchants live on air, and our gravediggers make a living from the soil. . . ."

Was he putting one over on me, this skinny bag of bones with a strange gleam in his sunken eyes? And yet there wasn't a hint of a smile on his gaunt face, which resembled a piece of yellow parchment. Nevertheless, there was something decidedly odd about his voice.

"But just what sort of town is it?" I asked.

"What do you mean, 'what sort of town'? It's a town like any other! There's a synagogue that once, or so they say, had paintings of fabulous beasts on the walls and of King David's harps and lyres on the ceiling. That was before my time, of course, but I've heard the old folk mention it."

"And now?"

"Now? It's full of dust and spiderwebs. All that's left is a chain carved from a single piece of wood that hangs down from the ceiling to the ark, whose curtain was embroidered by some old women. No one knows who made it, but he must have been a master. It's something worth seeing!

"As for the congregation," continued the Jew, "it's mostly made up of simple workingmen. Except for the tailors, who pray by themselves, and the butchers and coachmen, who rented a place of their own this year. Hardly anyone who attends services there knows the meaning of the words in the prayer book. The better-off and better-educated Jews pray in the study house. It's quite a big building—why, you should see all the books in it! And the Hasidim, of course, have their own little places to pray."

"I suppose you fight a lot among yourselves."

"I'll say we do! It won't stop until we're all in our graves, because the cemetery is the one place that belongs to everyone. Plus, of course, the bathhouse and the ritual bath."

"Is there any other communal property?"

"What else do we need? Once we had a hostel, but it isn't kept up anymore. Travelers can sleep in the study house if they like. There's no one there at night. And we also have a sick ward."

"You mean a hospital?"

"I wouldn't call it a hospital. It's just a room. It used to belong to the bathhouse keeper until it was decided that two rooms were too much for him and that one should be set aside for chronic cases—I believe there are three women in it now. One is a bedridden paralytic; one can't use her hands; and one is a madwoman whose husband ran off and left her. Each has a corner with a bed in it, and in the fourth corner there's a heating stove. Sometimes, when we find an unidentified dead body, the room serves as a morgue too."

"You're pulling my leg, my friend," I interrupted him. "The town you're describing is Tsiachnovka![1] In fact, it's Tsiachnovka to a T, with all its goings-on and good deeds! Why call it a ghost town?"

"Because it is! It's a place that hung from a thread from the day it was founded—and now that the thread has been torn, it's hanging in air. There's nothing supporting it at all. It's a ghost town, all right—if you'd like, I'll tell you the whole story."

"I wish you would," I said.

. . .

עס פאלט דערווייל צו די נאכט... דער הימל ווערט אין א זייט בלוטיק, פייערדיק; דאָרט גייט אונטער די זון. פון דער צווייטער זייט דאקעגן, פון א קלאָרן, לייכטן נעפיל שווימט ארויס די לבנה, ווי א כלהס פנים פון אונטער א ווייסן שלייער. די בלאסע שטראלן, וואָס זי זייעט אויף איבער דער ערד, ציטערן און מישן זיך אויס מיט די ציטערדיקע שאָטן פון דער טרויעריק שטילער נאכט...

עס ווערט אומהיימלעך...

מיר פאָרן אריין אין א וועלדל. דער לבנהס שטראלן גנבענען זיך צו אונדז דורך די ציטערדיקע בלעטער...

אונטן, צווישן אראָפּגעפאלענע בלעטער און צווייגן, טאנצן ארום קליינע ליכט־רעדלעך, ווי זילבערנע מטבעות, עפּעס א כישוף שטעקט אין דער באלייכטונג, אין שטיל־רוישנדיקן וואלד...

איך ווארף א בליק אויפן אורח, ער האָט שוין, דאכט זיך, גאָר אן אנדער פנים... עס איז אזוי טרויעריק און ערנסט, דער בליק, דאכט זיך, איז אזוי ערלעך און פּראָסט...

זאָל דאָס אלץ אמת זיין?

הא... איך וועל הערן!

— פון דער ערשטער רגע אָן — דערציילט דער ייד, — האָט די שטאָט געהאנגען אויף א האָר, ווייל מען האָט זי באלד געשטעלט אויף אן אָרט, ווו עס טאָר, על פּי דין, קיין יידישע שטאָט נישט זיין! ערשט, אז עס האָט זיך צונויפגעזאמלט דאָס ערשטע מנין, האָט מען געמאכט אן אסיפה... עס איז געבליבן, מען זאָל זיך צורעכענען צו איינער פון די שטעט אין דער סביבה. אויף דעם סמך האָט מען דערווייל געבויט א מקווה, א שיל, דערנאָך — א מרחץ, געקויפט נאָך א שטיקל ערד אויף א הייליק אָרט...

און, אז מען האָט שוין אלץ אָפּגעטון, האָט מען געשיקט שתדלנים, וווהין מען דארף, מען זאָל דאָס אלץ באַשטעטיקן...

— מיטן קאָפּ אראָפּ?

— וואָס גייט ביי אונדז נישט אזוי? עס קען דען אנדערש זיין?...

— ווייס איך...

— סיי ווי סיי — א מעשה שהיה! און עס איז גאָרנישט אזוי קרום געווען ווי איר מיינט...

געווען איז א ייד אן עושר, א גביר! דער גביר איז געווען, פארשטייט איר, ווי דער סדר עולם איז, א שטיקל, און אפשר א שטיק קרוב למלכות... א תקיף... האָט מען אלץ געמאכט אויף זיין נאָמען: זיין שיל, זיין מרחץ, זיין מקווה, — אפילו זיין הייליק אָרט... פּאָליציי האָט געשוויגן; איך זאָג דאָך אייך — א תקיף!

אז עס וועט קומען דאָס פּאפּיר פון הויכן אָרט, וועט ער איבערשרייבן אויף קהל, וועט אויפהערן דאָס לאָ־יחרץ געלט.

— און דערנאָך האָט דער גביר געזאָגט: עלי כתיב?

— ניין, מיין ליבער האר, דעמאָלט זענען נאָך אזוינע גבירים אין דער ריאָדע נישט געווען... מען האָט ביכלל פון „עלי כתיב" נאָך נישט געוווסט. נאָר הערט וואָס עס קען זיך פּאסירן. וואָס עס מאכט זיך אמאָל אויף דער וועלט!

נישט דער גביר, נאָר דער שתדלן האָט אָנגעמאכט די גרויסע צרה... אויפן וועג, האָט ער זיך מישב געווען, און איז אנטלאָפן! מיטן געלט, מיט די פּאפּירן... און איבערגעלאָזט דעם פריש געבאקענעם קהל, אן עגונה מיט לעבעדיקע יתומים...

— האָט מען געשיקט א צווייטן?

— אזוי געשווינד? איידער מען איז געוויר געוואָרן, אז ער איז אנטלאָפן, איידער וואָס, איידער ווען, איז דערווייל דער גביר געשטאָרבן און איבערגעלאָזט, צווישן אנדערע, א יורש א יתום קטן... פאר 21 יאָר טאָר ער דאָך נישט אָפּשרייבן!

— איילט מען זיך נישט?

— געוויס... אז ער וועט אלט ווערן איינאונצוואנציק יאָר, וועט מען שיקן א נייעם שתדלן און אפשר צוויי...

— און מען האָט עס פארשריבן לזכרון אין פּנקס?...

— אָט! אָט!... האָט טאקע דער פּנקס געדענקט און דער עולם פארגעסן!

טייל זאָגן, אז דער פּנקס איז פארברענט געוואָרן: דער גבאי האָט געהאלטן דעם פּנקס און הבדלה געמאכט, אונטערגעצונדן אביסל בראָנפן און ואיננו...

קהל דערווייל, קיין עין־הרע, וואקסט; יידעלעך, ברוך השם, מערן זיך. עס קומען צו פון אנדערע קהילות אויך: דער ברענגט אן איידעם, דער א שנור, מיט איין וואָרט עס צעוואקסט זיך. און, ווי להכעיס, דעם גבירס יורשים פאלן! די אלמנה האָט חתונה און פאָרט אָפּ, איין זון נאָכן צווייטן זוכן פּרנסה אין דער פרעמד... אויף שבעה ימים זיך צולאָפן. געבליבן איז נאָר דער יתום קטן... קהל מאכט אים אן אפּוטרופּס, מאכט אים חתונה, גיט אים צו א געניטן שותף. —

— דער מאכט אים אויס אן אויער!

— כדת משה וישראל!

און צרות האָט ער פון שותף, גרעסערע פון ווייב; א פאלשע וועקסעלע האָט ער אויך אונטערגעשריבן, מאכט ער אויך פּליטה... א גרויסער באנקראָט... היימישע, פרעמדע, עס ווערט א געוואלד, א גערויש, עס שפּארט אָן אין סאָנד, עס קומט א קאָמאָרניק... געלט איז נישט געווען, מטלטלין האָט דאָס ווייב באהאלטן, — נעמט זיך דער קאָמאָרניק צו דער שיל מיטן בית עלמין!

א דונער האָט אריינגעשלאָגן אין שטעטל! א דונער פון ריינעם הימל אָן א פּיצל וואָלקן, דען, פארשטייט איר, דאָס אלץ איז געווען ביז דער לעצטער רגע בסוד סודות...

Meanwhile, it was getting on toward evening. In the west, where the sun had set, the sky turned red as blood; in the milky east, like a bride beneath her veil, a full moon swam into sight, its pale, shimmering beams blending with the flickering phantoms of the silent, melancholy night. . . .

It was an eerie sight.

We entered a small forest. The moon shone down through the trembling leaves. Little circles of light danced like silver coins among the fallen leaves and branches on the ground. There was magic in the air, in the quiet rustle of the woods. . . .

I stole a glance at my companion. His face seemed different now, so sad and earnest, simple, yet utterly dependable.

Could he be some kind of demon or troll?

He was speaking again:

"The place hung by a thread from the start, because it was built on an illegal site. As soon as there were ten Jews living there, enough for a prayer group, they got together on the fiction that that they were a suburb of another town nearby and proceeded to build a ritual bath, a synagogue, and a bathhouse, and even to buy some ground for a cemetery. It was only then that they remembered to hire an operator to try to register them in the right places."

"To which he came hat in hand!"

"Don't we always come that way? When haven't we?"

"You've got me there!"

"Anyway, that's what happened. It wasn't quite as difficult as you might think. You see, there was a rich Jew there who, like a lot of rich Jews, happened to have a few connections, or maybe it was a lot of them—anyhow, he was someone important. Everything was registered in his name: the synagogue, the bathhouse, the ritual bath, even the cemetery. The police kept their mouths shut—I already told you he was a big shot. The idea was that once the papers came through he would make everything over to the community, which could then stop paying out bribes."

"At which point, I'll bet your rich Jew decided to remain sole owner and proprietor!"

"No, my good man, he did not. Rich Jews like that weren't the fashion then. They never even thought of such tricks. But listen to what can happen in this world of ours nonetheless!

"It wasn't the rich Jew who caused all the trouble, it was the operator. On his way to the right places, you see, he suddenly had the bright idea of running off with all the money and the papers. He ditched the town and left it in the lurch like a man who leaves a wife with little children."

"Wasn't a second operator sent in his place?"

"Not so fast! By the time the town found out he'd absconded, the rich Jew had died and left behind, among other things, a small son. The boy couldn't put his signature alongside his brothers' until he turned twenty-one."

"Wasn't there some way of speeding that up?"

"The best that could be done was to have a new operator, maybe even two, ready to start out the day the boy reached his majority."

"I hope the town at least kept good records."

"That's just it! The records were fine—it's just that they couldn't be found. Rumor had it they'd been burned. They were kept by the president of the congregation, who, it was said, spilled some brandy on them one Saturday night and set them on fire with a Havdala candle.

"Meanwhile, the place grew; we Jews, praise God, have a knack for multiplying. And Jews came from other towns too: one brought his son-in-law, another his daughter-in-law—in a word, the town kept getting bigger. As luck would have it, though, the rich Jew's heirs began to disappear. The widow remarried and moved away, the sons took off one by one for God only knows where—no one was left behind but the little boy, who was now a young man. The townsmen appointed a legal guardian for him, married him off to a girl from a good home, and even found him an experienced partner to go into business with."

"And to lead him around by the nose."

"But good! The young man didn't get along with him, and he got along with his wife even less. To make matters worse, he signed a bad note, didn't have a cent to pay it back with, and cleared out of town in a hurry. Was there ever a stink! The case went to court, and the court appointed a bailiff. Well, the estate had no cash and the widow had taken all her husband's personal possessions—what could the bailiff do but attach the synagogue and the cemetery?

"The town was thunderstruck. And it all came out of the blue, you see, because no one had known anything about the whole business, which had been kept a dark secret until the last minute.

און וואָס פעלט זיי? זאָרגן, זאָרגן זיי נישט, פאַרן טויט — קיין פּחד נישט... עסן עסט מען אבי א ברכה צו מאכן, בענטשן צו קענען... אָבער מען דאַרף עס נישט, מען בענקט נישט דערצו, הוא הדין — טרינקען... הוא הדין וווינען; הונדערט מתים קענען וווינען אין איין שטוב, — מען דאַרף קיין לופט נישט!

און מען האָט קיין צער נישט! דען פון וואנען האָט א מענטש צער, פון וויסן — יוסף דעת יוסף מכאוב, א בר מנין — זיין דאגה! ער וויל נישט וויסן און דאַרף נישט וויסן... שלעפּט זיך אַרום אין עולם הדמיון...

זיי האלטן זיך דעריבער טאקע פון דערווייטנס פון אלע לעבעדיקע זאכן... זיי האָבן קיין שאלות, קיין ספקות, קיין האַרץ־ווייטיק, עס פוילט קיינעם קיין לעבער נישט!

— ווער מיינט איר איז ביי אונדז רב? א מאָל איז געווען א לע־בעדיקער מענטש, א טוער; היינט א בר־מנין! גייט אַרום אויפן עולם הדמיון און זאָגט נאָך דעם חיי אדם ווי פון א חלום אַרויס...

ווער זענען די דיינים זיינע? זיינס גלייכן... האלב פאַרפוילטע מתים...

און די לייט פּסקענען שאלות פאַר לעבעדיקע ווי פאַר טויטע; אַלץ וויסן זיי, אַלץ טוען זיי... זיי מאַכן ברכה, זיי גייען מיט מציצה, זיי בענטשן חתן־כלה...

ווער שטעלט זיך פאַרן עמוד? א מת! א זקן ורגל א מת! ער האָט א פנים פון א מת, א קול פון א מת; עס טרעפט, א האָן גיט פּלוצים א קריי — אנטלויפט ער אוועק פון עמוד!

און די גבירים, די בעלי־טובות, רעדל־פירער, קהל־פאַרזאָרגער, דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג וואָס איז? טויטע, לאַנג געשטאָרבענע, לאַנג באַ־גראָבענע!

און דעריבער איז אזא עפּוש אין שיל, אין באָד, אין גאַס... סאַמע מתים...

— און איר, רב קרוב, איר וואָס זענט?

— איך? איך בין האלב טויט. ענטפערט דער ייד. —

ער־שפּרינגט אַראָפּ פון וואָגן און ווערט נעלם צווישן די ביימער...

"After all, what more could they want? They don't have a worry in the world—and best of all, they're not afraid of dying; they eat in order to say the Lord's blessing, but it's not as if they suffer from hunger, or for that matter, from thirst or congestion; a hundred of them can live together in one room, since they don't even need any air to breathe.

"Nothing bothers them at all. The more knowledge, the more sorrow, it says in Ecclesiastes[2]—and they know nothing and are happy knowing it as long as they can stay asleep in the World of Illusion. The problems of life don't concern them. They ask no questions, have no doubts, feel no anguish, never eat their hearts out over anything.

"You think our rabbi is any different? He may once have been an active, living man, but today he's just a ghost. He walks around in the World of Illusion regarding life as though in a dream. And the judges of our rabbinical court are all corpses too—which doesn't keep them from handing down decisions for the living as well as for the dead, let alone presiding at circumcisions, officiating at weddings, and reciting blessings on public occasions.

"Who leads the prayers in our synagogue? A corpse! He's perfectly well versed, though he looks dead and sounds dead and drops everything and runs if a rooster crows.

"Our most prominent citizens, our public benefactors, our communal leaders, the whole who's who of us—they're dead men, every one of them, who were buried long ago.

"That's why, wherever you go, there's such a stench in the air—in the synagogue, in the bathhouse, in the street—there are corpses all around you."

"And you, my friend?" I asked. "What exactly are you?"

"I'm only half-dead," answered the Jew—and jumping out of the wagon, he disappeared among the trees. . . .

*1895 (translated by Hillel Halkin)*

The Dead Town

*1* / The name of this town, Tsiachnovka, is fictional.

*2* / "The more knowledge, the more sorrow"—Ecclesiastes 1:18.